מפעלות חסידות קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

# יחידהי

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת שמיני-פרה תשפ"ב / גליון ד'

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק כתר שם טוב

| יום | סימן |
|---|---|
| ראשון | רכה |
| שני | רכו |
| שלישי | רכז |
| רביעי | רכח |
| חמישי | רכט |

רייכע חסיד'ישע שמועסן
אויף שמחת נישואין, ברית מילה
אינעם שמחות אפטיילונג
אויף קול-דודי ליין
אין נומער 7 < 9

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# נאנט אדער ווייט?

### דווקא דער געפיל פון ווייטקייט צו וואס דו ביסט זוכה ווען דו דערגרייכט צו עפעס, אט דאס דערנענטערט דיר נאכמער!

שלמה'לע האט געהארעוועט א גאנץ יאר צו קענען גוט די אלף-בית. ער האט געלערנט און גע'חזר'ט און נאכאמאל גע'חזר'ט און געלערנט, ביז ער האט געקענט גוט אלע אותיות בעל פה. און דאן איז ער געוואויר געווארן אז ער קען נישט די נקודות...

ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט חשק די נקודות ביז ער האט עס געקענט אויף אויסנווייניג, און דאן איז ער געוואויר געווארן אז ער קען נישט ליינען קיין גאנצע ווערטער...

שלמה'לע האט שוין געהאלטן ביים אויפגעבן, אבער דאן האט ער באשלאסן אנצוהייבן נאכאמאל. נאך א שטיק צייט, ווען ער האט שוין געקענט ליינען די ווערטער, האט ער פלוצלונג געכאפט אז ער פארשטייט נישט די טייטש...

ער האט זיך געשטארקט און ווייטער געלערנט ביז ער האט געקענט די טייטש פון די ווערטער, און דאן האט ער זיך געכאפט אז ער פארשטייט נישט זייער באדייט. און ווען ער האט שוין געוואוסט זייער באדייט, האט ער זיך דערוואוסט אז ער קען נישט רש"י, און דערנאך איז ער געוואויר געווארן אז ער קען נישט משניות, און ער קען נישט גמרא, און ער קען נישט תוספות, און ער קען נישט ראשונים, און ער קען נישט אחרונים, און ער קען נישט הלכה, און ער קען נישט...

און אזוי ווייטער און ווייטער. ווייל דאס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. קיינמאל וועט שלמה'לע נישט דערגרייכן דעם פלאץ וואו ער וועט קענען זאגן: אה, כ'בין אנגעקומען. אויך ווען ער וועט שוין דערגרייכן צו אלע מקצועות פון נגלה, וועלן אים אפווארטן די מקצועות פון נסתר, און אויך ווען ער וועט שוין קענען די מקצועות פון נסתר, וועט ער וויסן אז ער האט פארזוכט נישט מער ווי א קליינע טעימה, א טיפה מן הים פון די תורה וואס איז ארוכה מארץ מידה.

## אנגעקומען צום ציל?!

דאס איז איינע פון די גרויסע שוועריקייטן וואס קענען אונטערקומען פאר איינעם וואס הייבט אן זיך ארויפצודראפען אויפ'ן לייטער פון עבודת ה'. ער שטרענגט זיך אן און שטייגט ביז ער קומט אן צו א געוויסע פלאץ, און דארט ווערט ער נאר געוואויר אז ער האט נאך א פלאץ אנצוקומען; ער פילט זיך כאילו ער וואלט נאך גארנישט געטון; ער שפירט אז ער איז נאך זייער ווייט; ער גייט אריין צום רבי'ן שליט"א מיט א שטארקע דערגרייכונג און אנשטאט צו פילן ווי ער איז אנגעקומען צו עפעס, קומט א נייע פארלאנג און א פרישע פאדערונג צו גיין נאך העכער; און צומאל קומען אויך אן צו אים נייע נסיונות און פארמעסטונגען אויף וואס ער האט זיך גארנישט געראכטן פריער. ער האט נישט קיין מינוט מנוחה. 'פארוואס קען איך נישט שפירן ענדגילטיג באפרידיגט אז כ'האב שוין דערגרייכט צום ציל?' פרעגט ער.

און דער ענטפער איז: דווקא דער דאזיגער געפיל פון דערווייטערונג, אט דאס דערנענטערט דיר און דערהייבט דיר העכער און העכער. ווייל יעדער איינער פארשטייט אז **ווען ס'רעדט זיך וועגן אן ענדלאזע נאנטקייט, איז נישטא אזא זאך אנצוקומען צום ציל. וויפיל דו וועסט זיך דערנענטערן וועט דיר נאך אלץ בלייבן אן קיין סוף זיך נאכמער צו דערנענטערן.** און דווקא דער דאזיגער געפיל פון ווייטקייט צו וואס דו ביסט זוכה ווען דו דערנענטערסט זיך, ווען דו דערגרייכסט צו עפעס, אט דאס דערנענטערט דיר נאכמער, דאס דערהייבט דיר פון איין דרגה צו א העכערע דרגה, און פון דארט צו א נאך העכערע דרגה און אזוי ווייטער.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע (יומא דהילולא יום ה' העעל"ט) ערקלערט (חוקת), אז דאס איז דער ענין וואס די פרה אדומה איז מטמא טהורים. "אַךְ נִרְאֶה דְּהִנֵּה הָאָדָם הַמַּתְחִיל לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אָז הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מִתְרַחֵק מִמֶּנּוּ לְטוֹבַת הָאָדָם, כְּדֵי שֶׁיִּתְחַזְּקוּ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּכָל פַּעַם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'מֵרָחוֹק ה' נִרְאָה לִי'...

"וְזֶה שֶׁדָּרְשׁוּ חֲזַ"ל עַל מַעֲשֵׂה פָּרָה שֶׁמְּטַהֶרֶת הַטְּמֵאִים, דְּהַיְנוּ בַּעֲשׂוֹת הָאָדָם תְּשׁוּבָה כְּהִלְכָתוֹ וּמְתַקֵּן אֶת מַעֲשָׂיו אֲזַי הוּא טָהוֹר מֵחֲטָאִים, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּעֲלֶה אָדָם בִּקְדֻשָּׁה יְתֵרָה אָז הַקָּבָּ"ה מִתְרַחֵק מִמֶּנּוּ כַּנַּ"ל, כְּדֵי שֶׁיִּתְאַמֵּץ יוֹתֵר בִּקְדֻשָּׁתוֹ, וְאָז נִרְאֶה לוֹ לָאָדָם שֶׁהוּא חָלִילָה טָמֵא בַּעֲוֹנוֹת וַחֲטָאִים, וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מִתְחַזֵּק מְאֹד בִּקְדֻשָּׁה רַבָּה בְּכָל פַּעַם, וְזֶהוּ שֶׁמְּטַמֵּא אֶת טְהוֹרִים".

## א האלבע גלאז און נישט קיין גלעזל...

די וועלט זאגט, אז א מענטש דארף קוקן אויף די פולע האלבע גלאז און זיך פרייען מיט זיין טייל. אבער לאמיר פארשטיין, **קוקן אויף די פולע האלבע גלאז מיינט נישט עס אריבערפירן אין א קליין גלעזל און שפירן אז די גלאז איז פול און מ'דארף מער נישט ארבעטן...** אמת, מ'דארף זיך פרייען מיט וואס מ'האט, אבער אייביג דארף מען וויסן אז מ'דארף זיך נאכמער דערהייבן און שטייגן.

דעריבער דווקא ווען א מענטש הייבט אן זיך מחזק צו זיין אין עבודת ה' און ער טוט תשובה, דערווייטערט זיך פון אים השי"ת, און ס'זעט אויס פארן מענטש ווי ער איז פול מיט זינד. פארוואס? איך דערנענטער זיך דאך צו דיר? כ'האב דאך תשובה געטון? נאר דער הסבר איז אז דווקא דער פאקט אז דו האסט זיך מטהר געווען, אט דאס איז גורם דערצו אז מ'איז דיר מטמא. נישט אז דו ביסט באמת טמא, נאר יעצט כאפסטו אויף אז דו ביסט נאך אלץ טמא.

קוקן אויף די פולע האלבע גלאז מיינט נישט עס אריבערפירן אין א קליין גלעזל און שפירן אז די גלאז איז פול, און מ'דארף מער נישט ארבעטן...

דו דארפסט נאך אלץ הארעווען. בלייב נישט שטעקן מיט די פולע האלבע גלאז, נאר פיל עס אן נאך און נאך.

און דעריבער ליינט מען פרשת פרה נאך פורים. (פורים איז סוף פונעם יאר, פרה איז די טהרה פאר דעם נייעם יאר - חודש ניסן). לכאורה איז דאך שוין אלעס ליכטיג, מיר זענען אריבער א גאנצער יאר פון ימים טובים מיט הארות טאג טעגליך, און ב"ה עס האט אריינגעשיינט ביז צו די נידריגסטע מדריגות. יעצט דארף מען זיך מטהר זיין?! פונקט יעצט איז א זמן טהרה?! דער ענטפער דערצו איז אז דווקא יעצט, ווען דו האסט געענדיגט און דערגרייכט צו איין הארה, הייבט זיך אן א נייער יאר - א נאך העכערע הארה (ווייל ווי באקאנט איז יעדע יאר א נייע הארה וואס איז נישט געווען פריער, דעריבער חזר'ט מען איבער דעם גאנצן סדר פון די ימים טובים, זמנים, און עבודות), דערפאר פילסטו זיך טמא, בחינת 'מטמא טהורים', ווייל אין באציאונג צו די הארה פונעם קומענדיגן פסח דארפסטו זיך נאך מטהר זיין און נתעלה ווערן, און אזוי וועסטו זוכה זיין צו די נייע הארה פונעם קומענדיגן יאר בס"ד.



צו נעמען א חלק אין די הוצאות, אדער צו מנדב זיין א גליון רופט אויף 347-428-6483

# ויהי ממחרת

## צי דארף איך און קען איך שפירן ווייטער די הייליגע געפילן? • וויאזוי בין איך ממשיך די 'אורות' פון פורים? • וואס מיינט 'רשימו דקדושה'?

**משפיע:** ווי אזוי זענען אריבער אויף דיר די דערהויבענע פורים טעג?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', די שמחה איז געווען גרויס. מ'האט געטאנצן, געשיקט און באקומען משלוח מנות, כ'האב בעז"ה מקיים געווען אלע מצוות בהידור, און ס'איז געווען א געוואלדיגע ליכטיגקייט, סיי ביים פארברענגען מיט די משפחה און חברים, און ווער רעדט נאך ביים דערהויבענעם טיש, וואס האט מיר אזוי דערהויבן. בקיצור, כ'האב געפילט דעם פורים טיף אין די ביינער.

**משפיע:** ס'איז אויך געווען יום כיפור'דיג? ס'איז געווען בכיות?

> די הייליגע געפילן טוען אויף אז ס'זאל ווערן איינגעקריצט און איינגעזאפט די אלע געדאנקען, אבער דער עיקר איז, אז ווען ס'גייט אריבער די צייטן, צו געדענקען די געדאנקען און די החלטות און זיי אויספירן

**אברהם יצחק:** זיכער, נישט אז איך געדענק פונקט וואו אדער ווען, אבער מער ווייניגער האבן זיך דערוועקט טיפע געפילן פון בענקשאפט און השתוקקות צום באשעפער. איך וואלט אזוי געוואלט נאכאמאל שפירן די געפילן, אבער ס'גייט נישט... דאס קומט עס עפעס ארויף נאר פורים... און אייגנטליך, האב איך דאס געוואלט הערן ביים היינטיגן שמועס; פארשטיין און קלאר מאכן וואס פונקט האב איך געפילט, און וויאזוי פירט מען עס אויס ווייטער.

## די ליכטיגע מינוטן איז שוין נישטא...

**משפיע:** איך האב נישט פארשטאנען, דער גאנצר וועזן פון פורים איז דאך "קימו וקבלו", אנצונעמען די תורה מיט א ליבשאפט, מיט א באנייאונג, און פילן א נאנטקייט צום אויבערשטן. אויב אזוי וואס איז בכלל די שאלה? אומר ועושה! ס'וואלט דאך געדארפט זיין אז יעצט ווען דו עפנסט די גמרא, אדער דו גייסט דאווענען, זאלסטו זיך צוכאפן צו די גמרא מיט א ברען?!

**אברהם יצחק:** הלוואי זאל אזוי זיין... טאקע דאס וויל איך דורכשמועסן. **פורים אליין האב איך ממש געפילט די נאנטקייט צום באשעפער, ס'איז מיר געווען קלאר ווי דער טאג אז נאר דינען דעם באשעפער איז די איינציגסטע גוטס וואס ס'איז דא אויף דער וועלט.** דער פסוק '**אך הוא** צורי וישועתי' איז מיר געווען אזוי קלאר, ס'איז נישטא קיינער אין די וועלט וואס קען מיר העלפן. ס'איז נישטא גארנישט אויסער אים. נישט מיר גוטס צו טון - און נישט פארקערט. דעמאלט איז מיר געווען קלאר אז איך האב גארנישט אין מיין וועלט נאר די ד' אמות של הלכה, אז דאווענען פון טיפעניש פון הארץ איז מיין אינערליכע באגער, יעצט אבער האט אלעס אויסגעוועבט...

**משפיע:** גארנישט האט זיך נישט אויסגעוועבט, נאר יעצט איז די צייט צו עפענען און אריינגיין אין דעם פתח וואס האט זיך געעפנט פורים.

**אברהם יצחק:** וואס מיינט עס, אז איך זאל פראבירן ווייטער צו לעבן מיט די געפילן און 'אורות' פון פורים? אבער דאס גייט דאך נישט.

ס'איז דא א געפיל אז די 'הארה' וואס ס'איז געווען איז נישטא, ס'איז פארגאנגען אזויווי א חלום... נו, און וואס טוט מען יעצט ווייטער?ווארטן אויף קומענדיגער יאר? אדער אפשר אויך טרינקען היינט ווין? אין איין ווארט: מיין שאלה איז, וואס האט דער 'אור' פון פורים איבערגעלאזט ביי מיר, וואס זאל מיר באגלייטן ווייטער אין וועג? איז דא א תועלת צו רעדן פון 'וואס איז געווען', צו דערוועקן און איבערשפילן די אורות מיט די געפילן?

## די הייליגע געפילן – ברענגט שטארקע הכרות און החלטות

**משפיע:** דער כלל איז אז די געפילן און די ליכטיגקייט איז א 'הכנה' צו דער ריכטיגע נקודה וואס פאדערט זיך אונז אין עבודת השם. ווען מען גיבט פאר א מענטש פון הימל א נייע פונקט אויף וואס צו ארבעטן, קומט עס דורך אן אינערליכע דערוועקונג און צוגעבונדנקייט, וועלכע ארבעטן אז דער פונקט זאל אריינגיין און אויפגעכאפט ווערן אין הארץ און מח. אבער דער עיקר איז, אנצוהאלטן מיט א שטארקייט דער נקודה וועלכע דו האסט באקומען דורך אזא הייליגער געפיל.

למשל, ווען דו האסט געפילט א געשמאק און א שמחה פון די קרבת אלקים, זענען זיי געקומען אינאיינעם מיט שטארקע באשלוסן צו לערנען מער, צו דאווענען בעסער, צו טראכטן מער איבער אמונה און בטחון, צו היטן מער די אויגן, אריינצוטראכטן אין די גרויסקייט פון באשעפער, און זיין נאנטקייט צו אונז, זיך צו מקדש זיין בדברים המותרים. א דאנק די הייליגע געפילן ביסטו אנגעקומען צו די אלע אונטערנעמונגען בשעת מעשה, און ס'איז געווארן איינגעקריצט אין דיין הארץ אז דו האסט קלאר פארשטאנען וואס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען דארף לעבן דא אויף דער וועלט, אז אלע פירונגען און וואס מען טוט, זאל זיין אזוי אז ס'זאל דערנענטערן צו עבודת ה'.

אבער די געפילן און אורות ענדיגן זיך און ווערן פארשוואונדן, ווייל זיי קומען נאר צו א געוויסע באגרעניצטע צייט. אבער די באשלוסן און אנערקענונגען דארפן בלייבן ביי אונז. דאס דארף מען אנהאלטן.

דער טעות איז, ווען דער מענטש טראכט אז עבודת השם איז אנגעהאנגען אין וואס מען 'פילט' און דערפאר ווען דאס גייט אריבער, ווערט צוזאמען מיט דעם פארשוואונדן אויך די החלטות און מסקנות וועלכע זענען געווען בשעת מעשה. אבער דער אמת איז, אז נישט די געפילן זענען די וואס פירן אונז. נאר **דער מח און שכל וועלכער פארשטייט וואס איז דער ציל פון דעם מענטש אויף דער וועלט - דאס פירט אונז. די געפילן זענען נאר געווען א 'כלי', עס זאל זיך דערוועקן און ווערן אריינגענומען אין אונז די ריכטיגע מחשבות.**

**אברהם יצחק:** אפשר קענסטו מיר עס ערקלערן מיט א קורצן משל?

## די איינפאק פון די משלוח מנות...

**משפיע:** לאמיר נעמען א משל פון ענייני דיומא; א חתן וועלכער האט באקומען אויף פורים א זילבערנעם בעכער - א געשאנק לכבוד פסח. דער משלוח מנות איז געקומען איינגעוויקלט אין א גלאנציגער רוישיגער איינפאק און איז געווען באפוצט מיט אלערליי שיינע שמאנצעס כמנהג בעלי בתים חשובים...

נדבת הרה"ח ר' שמעון הכהן פריד שליט"א
מאנסי
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

לעילוי נשמת
הרה"ח ר' חיים ראובן ב"ר ישעי' ז"ל
ת. נ. צ. ב. ה.

נדבת הרה"ח ר' הרוצה בעילום שמו שליט"א
בארא פארק
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח ר' יצחק בערגער שליט"א
בארא פארק
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

דער גליון 'יחידתי' אין לשה"ק ווערט געדרוקט און פארשפרייט וועכנטליך אין די שווערע טויזנטער! נאך די גרויסע נאכפראגע האבן מיר ב"ה אנגעהויבן ארויסצוגעבן דעם גליון אויך אין 'אידיש', און מיר ווילן און האפן צו קענען ווייטער ממשיך זיין בקביעות.
צו נעמען א חלק אין די געוואלדיגע זיכוי הרבים, און קויפן דעם זכות פון א גליון רופט: 347-428-6483

לאמיר זיך פארשטעלן ווען איינער זאל באקומען דעם בעכער אין אן איינפאכער פארשטויבטער שמוציגער שווארצער זעקל, וואלט ער נישט געפילט אז ער האט באקומען א חשוב'ער געשאנק און וואלט זיכער נישט געפילט דעם גוטן געפיל מיט וועלכער דער געבער האט עס אים געגעבן. דערפאר וואלט ער אויך נישט געווארן נאנט און צוגעבינדן צו דער וואס האט אים עס געגעבן. די שמחה, און צוגעבינדנקייט צום געבער, זענען געקומען א דאנק די איינפאק און דער אויסערליכער אויסזען פונעם מתנה.

אבער נאך אלעס, צומארגנס פון פורים, וועט ער אראפנעמען דעם איינפאק, בלייבן מיטן בעכער און זיך פרייען דערמיט. ווייל די אלע איינפאקס זענען נאר געווען א 'כלי' ארויסצואווייזן ליבשאפט. דער הויפט פונקט פון די זאך איז געווען דער געשאנק, און נאכדעם וואס ער האט עס שוין גענומען אין זיין האנט, דארף מען שוין גארנישט די אלע גלאנציגע איינפאקן.

אזוי אויך זענען די ליכטיגע מינוטן און זמנים וואס די לויטערע געפילן דערוועקן זיך. זיי ברענגען צו וויכטיגע באשלוסן, און ריכטיגע געדאנקען וועלכע קענען איבערמאכן און דערהייבן דעם מענטש אויף לאנגע יארן. **בשעת מעשה טוען אויף די געפילן אז ס'זאל איינגעקריצט און איינגעזאפט ווערן די אלע געדאנקען, אבער דער עיקר איז, אז ווען ס'וועט אריבערגיין די צייטן, צו געדענקען די געדאנקען מיט די החלטות און זיי אויספירן.**

# די דערהויבענע מאמענטן ברענגט אריין אין הארץ די ריכטיגע געדאנקען

**אברהם יצחק:** לויט דעם קומט אויס, אז אין די פורים טעג האב איך געדארפט זיין פארנומען מער מיט די באשלוסן און נישט צו די געפילן, און זיך נישט לאזן פארטומלען פון די אלע געפילן וועלכע זענען אייגנטליך נישט מער ווי רוישיגע איינפאק, וואס נעמען ארום דעם עיקר.

**משפיע:** ממש נישט! הייליגע געדאנקען און באשלוסן קומען דווקא אין א שטראלנדיגע וועג, אבער טון דארף מען אפילו ווען ס'שטראלט שוין נישט. דאס מיינט אז **בשעת מעשה איז דער אור דער עיקר**, דער געפיל פון נאנטקייט צום באשעפער און א שטארקע בענקשאפט, זיי זענען די וועלכע כאפן אויף און ברענגען אריין אין הארץ די ריכטיגע געדאנקען און אן זיי קען מען בכלל נישט. דאס איז אייגנטליך דער ציל פון די הייליגע טעג און ליכטיגע צייטן, און דערפאר פאדערט זיך די ריכטיגע הכנה צו יעדע הייליגע זמן, כדי דער 'אור' זאל באלייכטן די אינערליכקייט פון דעם נפש. אבער ווען ס'גייען אריבער די ליכטיגע צייטן און דערהויבענע טעג, דארף מען אכט לייגן מער צו די אויספירן און באשלוסן, און נישט זיין פארנומען צי מען פילט ווייטער די געפילן אדער נישט... ווייל כאטש ס'איז גוט און אנגענעם אויב מען פילט ווייטער יענע געפילן, אפילו אביסל, דאך איז דער עיקר די ווייטערדיגע עבודה.

אגב, די זאך ערשיינט זייער פיל אין די ספרים, ווען דו וועסט צולייגן קאפ וועסטו עס טרעפן.

**אברהם יצחק:** וויאזוי ווערט עס אנגערופן אין די ספרים הקדושים?

**משפיע:** דאס רופט זיך 'רְשִׁימוּ'. יעדע קדושה ווערט נישט גענצליך פארשוואונדן, נאר עס דרינגט אריין און לאזט אן איינדרוק, און כאטש די קדושה איז שוין ארויס, לאזט זי א 'רשימו', אן איינדרוק, וואס מיט איר - פלאקערט זיך אויף די ווייטערדיגע קדושה. ווי חז"ל האבן געזאגט "קדושה ראשונה קדשה לשעתה ולעתיד לבוא"; אז דער גאנצער כח אין די צייט פון גלות איז דער 'רשימו' וועלכער דער בית המקדש האט איבערגעלאזט.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**טוט וויפיל איר ווייסט - וועט איר מער וויסן. וועט איר נאך מער טון - וועט איר נאך מער וויסן.**

הרה"ק האוהב ישראל מאפטא זי"ע



# טאטע'ניו...

"פון וואו קומט א איד?" האט זיך דער איד געווענדן צו ר' יהודה לייב, וועלכער האט מיט א שוואכע שטימע געענטפערט, "פון טבריה."

"וואס זוכט אן ארץ ישראל'דיגער איד אויפן באן וואס פירט פון 'גראדנע' קיין 'אדעסע'?" האט דער איד ווייטער געוואלט פארשטיין.

"כ'בין ארויסגעפארן קיין אייראפע צו ווילן ביי מיין הייליגן רבי'ן (דער בעל 'דברי שמואל' זי"ע). יעצט בין איך אויפן וועג אהיים קיין ארץ ישראל," האט ר' יהודה לייב געענטפערט כמעט אן קיין שטימע.

"מעג מען אפשר וויסן וואס איז אייער נאמען?" האט יענער נישט נאכגעלאזט.

דאס אז יענער האט געפארשט ווער איז דער איד דא אין וואגאן איז גארנישט קיין וואונדער. דער געזיכט פון ר' יהודה לייב קאסטולעניץ האט אויסגעדריקט ווייטאג. צי קען דען זיין, אז א איד זעט ווי יענער מוטשעט זיך און זאל נישט פראבירן פארשלאגן הילף?

אבער ר' יהודה לייב'ס יסורים זענען געווען אזוי שטארק, אז ער האט אפילו נישט געקענט ענטפערן. שרעקליכע בויך ווייטאג האט אים פלוצלונג אנגעכאפט, ווען ער שטרענגט זיך אן מיט די לעצטע קרעפטן צו ענטפערן דעם אידן זיינע פראגעס, ווינקענדיג אידל, אז די זאך איז אים אויסנאם שווער, העכער זיינע כוחות.

דער איד, וועלכער איז געווען א דערהויבענער איד, האט אויפגעהערט צו פרעגן. אבער אוועקגיין אן צו געבן קיין טראפ הילף האט ער אויך נישט געקענט. האט ער ארויסגעזוכט עפעס א דערמוטיגונגווארט פון זיינע אוצרות, און עס איבערגעגעבן פאר ר' יהודה לייב.

אט דער ווארט איז געווען איינגעוואוינט און אפט מאל איבערגע'חזר'ט געווארן דורך רבינו זי"ע, און ס'האט אין זיך אזא טיפקייט, אז ס'קען טאקע צוטרייסלען יעדע הארץ.

דער פסוק זאגט: "הוא יקראני אבי אתה, קלי וצור ישועתי." ווען א איד דערוועקט אין זיין הארץ צו פילן די ליבשאפט וועלכע דער אויבערשטער האט אים ליב און ער רופט אים: "אבי אתה - דו ביסט מיין טאטע", דאן דערוועקט ער אויף זיך דעם מידת החסד וועלכע רופט זיך 'קל' (ווי דער פסוק זאגט 'חסד קל כל היום'), און באלד ווערט אים הקב"ה זיין "צור ישועתי", און לייזט אים אויס פון זיין ענגשאפט.

דער איד האט אפגעזאגט זיינס און געגאנגען ווייטער זיין וועג.

די ווערטער זענען אריינגעדרונגען ביי ר' יהודה לייב אין הארץ, און האבן אים איבערגעדרייט. "איך האב דאס דערהערט," האט דער חסיד דערציילט יארן שפעטער, "און איך האב באלד גענומען דערוועקן אזא ליבשאפט און שרייען 'דערבארעמדיגער טאטע, טאטע'ניו, טאטע'ניו,' אזוי ווייט אז פילע וואסערן האבן נישט געקענט פארלעשן די שטארקע ליבשאפט.

"עטליכע מינוט פון ליבשאפט, און די ווייטאגן זענען וואונדערליך גענצליך פארשוואונדן געווארן.

"און נישט נאר דאס," האט ר' יהודה לייב דערציילט פאר זיין זון ר' מאטל סלאנימער און פאר זיין רבי'ן דער ברכת אברהם זצ"ל, "נאר פלוצלונג האב איך זוכה געווען צו פילן דעם 'צור ישועתי' אויף יעדן טריט און שריט. אראפגייענדיג פון די באן - און איך בין אן עלטערער מענטש - האט זיך פלוצונג עפעס א גוט הארציגער יונג אנגעטראגן צו שלעפן מיינע זאכן און מיר אונטערהאלטן ביז איך בין ארויף אויפן שיף. די מידת החסד האט נישט אויפגעהערט אויך אנקומענדיג אין ארץ ישראל, ווען ס'האט מיר אפגעווארט א שווערע אויסמאטערנדע וועג פון חיפה קיין טבריה; דארט האט זיך מיר פונקט אנגעטראפן אן אראבער וואס ארבעט אלס 'טעפער', וועלכער האט מיר ארויסגעוויזן געדולד און צוגעלאזנקייט. ער האט זיך נאכאנאנד געווענדן צו מיר מיט אזא רואיגקייט און ליבליך געפרעגט אזויווי צו א טאטע: 'טאטע'ניו, דו דארפסט טרינקען? טאטע'ניו דער זיצן אויפן זאטל איז באקוועם? טאטע'ניו איר ווילט זיך אביסל אפרוען?'."

ווען דער חסיד האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט זיך דער ברכת אברהם געווענדן צו ר' מאטל סלאנימער: "וואס מיינסטו, אז דער אראבער האט געקענט אידיש?! נאר וואס, פון ווען דיין טאטע האט געהערט דעם ווארט דארט אין וואגאן צווישן 'גראדנא' און 'אדעסע', האט זיין מויל נישט געענדיגט חזר'ן 'טאטע'ניו' און דערוועקן ליבשאפט. דער אראבער האט עס געהערט, און האט אים צוגעקלעבט דעם צונאמען..."

**מקור: מסוד שיח חסידים**

# כיבוד אב ואם (א)

## מכבד זיין מיט דרויסנדיגע הנהגות, אדער אויך מיט אינעווייניגסטע שעצונג? און וויאזוי דערגרייכט מען דאס?

### שאלה:

איך פיל נישט קיין כבוד און שעצונג צו מיינע עלטערן, און דאס ברענגט מיר צו א שוואכקייט און נאכגעלאזנקייט אין די מצוה פון 'כיבוד אב ואם'. וואס קען איך טון?

### תשובה:

## א געטליכע מצוה, נישט בלויז א לאגישער חשבון...

די אלגעמיינע און יסודות'דיגע עצה איז צו פארשטיין אז דאס איז א געטליכע מצוה. דאס איז נישט בלויז א מענטשליכער און לאגישער חשבון, אז אויב ער איז מיין טאטע און איך בין זיין זון, דארף איך אים מכבד זיין. ווייל דאן וועסטו זאגן, מילא אויב ער וואלט געווען א מכובד'יגער טאטע, אבער א טאטע וואס פירט זיך אויף אזוי און אזוי - וואס האב איך אים צו מכבד זיין? איבערהויפט אז ס'איז מיר שווער... אבער **דער אמת איז אז דאס איז א מצוה, דאס איז דער רצון פון השי"ת, וואס איז נישט פארבינדן מיט געפילן אדער פארדינסטן. דאס איז דער רצון ה' וואס פארבינדט מיך צו אים, און אנטפלעקט זיין געטליכקייט אין די אונטערשטע וועלט.**

דערצו האט די תורה זייער ארויסגעהויבן די דאזיגע מצוה, אזויווי חז"ל זאגן, "הקיש כבודם לכבוד המקום ומוראם למורא המקום" - אז כבוד און מורא פאר עלטערן איז ממש ווי כבוד און מורא פאר השי"ת. און נישט נאר אז ס'איז ממש 'אזויווי', נאר חז"ל ברענגען אויך אז "בזמן שאדם מכבד את אביו אומר הקב"ה יפה עשיתי שדרתי ביניהם וכיבדוני". דאס מיינט, נישט בלויז אז ס'איז ענליך, **נאר מיט דעם וואס דו ביסט זיי מכבד - ביסטו מכבד דעם אויבערשטן!**

(און עס ווערט ערקלערט אין די ראשונים, אז א מענטש האט דריי שותפים, און ווען דו ביסט מכבד דיינע עלטערן וואס האבן דיר געברענגט אויף דער וועלט, דאן ביסטו גלייכצייטיג אויך מכבד דעם דריטן שותף - השי"ת).

דא איז נישט דאס פלאץ מאריך צו זיין מיט די ספעציעלע חשיבות וואס מיר טרעפן אויף די מצוה, מיר וועלן בלויז דערמאנען אז יעקב אבינו איז נענש געווארן אז יוסף איז געווען ווייט פון אים, צוליב כיבוד אב ואם. און יוסף'ס לעבנס יארן זענען פארמינערט געווארן צוליב מורא אב, און אלע אונזערע ליידן אין גלות פון עשו - איז נאר ווייל ער האט מכבד געווען זיין טאטן. און מדה טובה מרובה, מיר געפינען אסאך אין חז"ל און אין די תולדות פון גדולי ישראל אז זיי האבן זוכה געווען צו זייער גרויסקייט דורך די מצוה.

און וויבאלד דאס איז א מצוה, איז **דאס בכלל נישט אפהענגיג אין די רוחניות'דיגע דרגה פון די עלטערן,** און ס'ווענדט זיך נישט אין וויפיל די עלטערן האבן אינוועסטירט אין דיר אדער געשטערט... ווי ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע, אז אויך ווען עלטערן דערנידערן זייערע קינדער קבל עם ועדה, דארף מען זיי מכבד זיין. און אויך ווען עלטערן זענען עובר ח"ו אויפן רצון ה' און מ'דארף זיי אויפמערקן - דארף עס זיין מיט גרויס כבוד. ווייל **די מצוה איז צו מכבד זיין עלטערן! נישט אזעלכע אדער אנדערע סארט עלטערן. אויב זיי זענען עלטערן - איז דא א געטליכע מצוה זיי מכבד צו זיין.**

אבער דאס איז נישט גענוג. ווייל טאקע בפשטות איז די מצוה זיך צו פירן מיט כבוד און מורא; "כבד את אביך ואת אמך" - פיר זיך צו זיי מיט רעספעקט, אזויווי צו א שר אדער מלך; "איש אמו ואביו תיראו" - פיר זיך נישט מיט גרינגשעצונג. אבער דער 'חיי אדם' ערקלערט אז מצד די מצוה דארף מען אויך אמת'דיג שעצן די עלטערן, נישט בלויז מיט די אויפפירונג. מ'דארף באטראכטן די עלטערן ווי גלייך זיי וואלטן געווען די חשוב'סטע מענטשן אויף דער וועלט!

> די מצוה איז צו מכבד זיין עלטערן! נישט אזעלכע אדער אנדערע סארט עלטערן. אויב זיי זענען עלטערן - איז דא א געטליכע מצוה זיי מכבד צו זיין

און דערפאר, אויך דאס אליין, אז דו פילסט נישט קיין כבוד און שעצונג צו דיינע עלטערן - דאס אליין איז שוין א שוואכקייט אין די מצוה פון כיבוד אב ואם. **וועסטו דאך אוודאי פרעגן:** וואס קען איך דען טון? ס'איז א פאקט...

## וואס איך האב - קומט פון מיינע עלטערן

אבער די טיפקייט פון די ווערטער פונעם 'חיי אדם' וועט קלאר ווערן לויט ווי ס'ווערט ערקלערט אין די ראשונים. דער ספר החינוך איז מסביר אז די מצוה פון כיבוד אב ואם איז באזירט אויף די אנערקענונג אז אלעס וואס איך פארמאג קומט בלויז פון מיינע עלטערן. אלע מיינע מעלות, הצלחות, שאיפות און דערגרייכונגען, קענען קומען נאר נאכדעם וואס איך זעלבסט עקזיסטיר. און מיין עקזיסטענץ איז דאך בלויז צו פארדאנקען מיינע עלטערן, אזוי אז אלעס וואס איך פארמאג איז פון מיינע עלטערן. און נאך טיפער, 'ברא כרעא דאבוה', **איך בין פשוט א חלק פון מיינע עלטערן - ווייל אלעס וואס איך פארמאג קומט פון זיי.**

דער רמב"ן ברענגט עס ארויס מיט נאך א מורא'דיגע דערהער: ביי די עשרת הדברות איז דער דיבור "כבד את אביך ואת אמך" צווישן די דברות שבין אדם למקום און די דברות שבין אדם לחבירו, וויבאלד די עלטערן זענען שותפים אין דעם מענטשנ'ס באשאף. און מיט זיין הייליגן לשון: "**כִּי ה' הוּא אָבִינוּ הָרִאשׁוֹן וְהַמּוֹלִיד הוּא אָבִינוּ הָאַחֲרוֹן**". דאס מיינט אז די מצוה איז אפילו נישט אינגאנצן בין אדם לחבירו, נאר בין אדם למקום! ער פארגלייכט דיין טאטן צו השי"ת כביכול, ווי צו זאגן אז דיין גאנצער מציאות איז פון אים.

לויט זייערע רייד איז זייער פארשטענדליך ווי אזוי דו קענסט פילן אז דיינע עלטערן זענען די חשוב'סטע אויף דער וועלט. ווייל אזוי ווי לגבי זיך אליין איז דיר קלאר - אן קיין שום הסברים און ביאורים - אז דו האסט א ספעציעלע חשיבות וואס קיינער אין דער וועלט האט נישט, אזוי איז אויך כלפי דיינע עלטערן, וואס דו ביסט א חלק פון זיי, איז דיר קלאר פון דיין עצם קיום אז זיי פארמאגן א ספעציעלע חשיבות וואס קיינער אין דער וועלט פארמאגט נישט. (דער 'חיי אדם' מיינט נישט צו זאגן זאלסט טראכטן אויף דיין טאטן אז ער האט געענדיגט ש"ס ווען ער האט נישט געענדיגט, נאר אז דו זאלסט פארשטיין אז ער פארמאגט א געוויסע חשיבות, אזויווי דער געפיל וואס יעדער איינער פילט צו זיך).

מ'זעט עס ביי קינדער: יעדע קינד דרייט זיך ארום מיטן געפיל אז זיין טאטע איז דער חשוב'סטער און שטארקסטער און בעסטער מענטש אויף דער וועלט! דאס איז א נאטורליכער געפיל. "מיין טאטע קען צוברעכן א טראקטאר..." פארוואס? ווייל ס'איז מיין טאטע. אזויווי פון מיין עצם עקזיסטענץ פיל איך אז איך בין חשוב, אזוי פיל איך פון מיין עצם עקזיסטענץ אויך אז מיין טאטע איז חשוב.

און דאס אלעס איז נאך פארן נעמען אין באטראכט אז עלטערן זענען מקריב זייער גאנצער לעבן פאר זייערע קינדער. נאר בלויז דערפאר וואס זיי זענען עלטערן!

מיר האבן נישט עספיעט אנצורירן אסאך נקודות צוליב מאנגל אין פלאץ, און מיר האפן בעז"ה משלים צו זיין אינעם קומענדיגן גליון. עס איז נאר וויכטיג צו באצייכענען אז די תשובה באציהט זיך דווקא צו די שאלה - וואס קומט מצד דעם זון. דאקעגן עלטערן דארפן אנדערש קוקן אויף דעם ענין, אבער דא איז נישט דאס פלאץ דערצו.


צו פארשפרייטן דער גליון אין נאך בתי מדרשים, און פאר סיי וועלכע הערה, לאזט איבער א מעסעדזש פארן מערכת אויף 347-428-6483